מפעלות חסידות
קול דודי
לעבן מיטן אייבערשטן

0722 531 385
646 518 1014
033 3366 1567

# יחידה

אין אידיש

גליון שבועי לגילוי אור הנשמה ע"פ משנת הבעש"ט הק' ותלמידיו

צו פארשפרייטן דעם גליון
אין נאך בתי מדרשים
און באלייכטן נאך אידישע נשמות

רופט:
אין מאנסי
347.452.3118
אין וויליאמסבורג
347.768.3577

צו פארשפרייטן אין נאך שטעט
רופט 347.452.3118

וזכות הרבים יהא תלוי ככם!

פרשת ואתחנן תשפ"ג / גליון מ"ח



**אויף קול־דודי ליין**
נחמו נחמו עמי
**ספעציעלע שיעורים אויף נחמת ישראל**
פון חשובי המשפיעים שליט"א
אין נומער 9


## חסיד'יש גערעדט

### א חסידי'שע דערהער פון די פרשה אויף למעשה

# דער טאפלטער טרייסט

### ווען ער פילט אז דער אויבערשטער כביכול שמייכלט נישט צו אים, הייבט ער זיך אן כאפן אז אויך ער, האט ערגעצוואו פארלוירן דעם שמייכל אין עבודת ה'

אן איידעלער קלאפ אויפן טיר האט אויפגעשטעלט ר' שלום'ען פון בענקל.ביים טיר זענען געשטאנען די צוויי שותפים דוד און חיים וועלכע זענען באקאנט מיט זייער גוט גייענדע געשעפט שוין יארן לאנג, און זיי זענען געקומען זיך דורכרעדן. נאכן זיך אראפזעצן און אויסטוישן אפאר זאצן צוליב מענטשליכקייט, גייען זיי גלייך צו צום ענין. עס שטעלט זיך ארויס, אז די צוויי זענען יעצט געקומען נאכן מחליט זיין אז זיי צוטיילן זיך דעם שותפות, און זיי ווילן אז ר' שלום - וועלכער איז באקאנט אלס 'מפשר' - זאל זיי העלפן אויסשטעלן א יושר'דיגע חלוקה. פון צווישן די שורות שטעלט זיך צוזאם דער גאנצער בילד, אז די סיבה פארוואס זיי ווילן זיך צוטיילן - נאכן מצליח זיין אזויפיל יאר - איז צוליב דעם וואס דוד האט געלאזט פאלן א טשעפעווארט אויפן חשבון פון חיים, און דעריבער וויל מער נישט חיים בלייבן א שותף מיט דוד'ן - אפילו פאר קיין איין מינוט מער.

ר' שלום עפנט אויף צוויי אויגן מיט גרויס וואונדער, און ווענדט זיך צו חיים: "צוליב איין ווארט פון א חבר, לוינט זיך דען איינצושטעלן אזא מוצלח'דיגע ביזנעס?!". חיים ווערט באלד ערשיטערט: "דאס איז נישט בלויז איין ווארט, דאס איז זיין גאנצע באנעמונג צו מיר! איך האב אנגעהויבן כאפן, אז ער רעספעקטירט מיר בכלל נישט!". פון צווייטן זייט שטייט דוד און ווייסט בכלל נישט איבער וואס דער חיים רעדט דא. "ריכטיג, איך האב אים טאקע געטשעפעט מיט א שטאך-ווארט, אבער ווער זאגט אז איך האלט נישט פון אים?!".

ר' שלום ווענדט זיך צו דוד מיט א שאלה: "ווען דו האסט אים געזאגט, אז ער ווייסט בלויז וויאזוי מען מאכט קאליע. האסטו דאס געזאגט מיטן פולסטן מאס רעספעקט?!". דוד הייבט אן אויפצוכאפן אז חיים האט דא טאקע עפעס א ריכטיגע סיבה פארוואס צו ווערן באליידיגט. ר' שלום זעצט פאר מיט זיין שאלה: "דו האלטסט טאקע נישט פון אים?!". דוד גיבט זיך גלייך א וועק אויף און זאגט: "וואס א שאלה? עס קען זיין אז איך האב דעמאלט פאר איין מינוט נישט געטראכט, אבער בעצם, ווען נישט חיים - וואלט אונזער געשעפט שוין לאנג געווען אין דער ערד! איך שעץ אים מיט מיין גאנצע הארץ!".

דיביידע שותפים זענען אויפגעשטאנען פון דארט מיט א 'לחיים' און פארגעזעצט צו פירן זייער ביזנעס נאך אסאך גוטע יארן.

## דער אייזערנער וואנט

דער מדרש אויף דער הפטרה פון 'נחמו' (ישעיה מ, א) לערנט אונז, אז סיי דער חטא איז געווען אויף אן אופן פון טאפלט, סיי דער עונש איז געווען טאפלט, און סיי די נחמה איז א טאפלטער טרייסט. ווי דער לשון: "חטאו בכפלים דכתיב 'חטא חטאה ירושלים', ולקו בכפלים דכתיב 'כי לקחה מיד ה' כפליים בכל חטאתיה', ומתנחמים בכפלים דכתיב 'נחמו נחמו עמי'". לכאורה דארף מען פארשטיין דעם אפטייטש פון 'טאפלט' ביי יעדן פרט?!

> די טשעפע פאר זיך איז נאכנישט געפערליך. דער פראבלעם איז נאר, אז דער טשעפע איז גורם א ריס אינעם עצם קשר צווישן די צוויי שותפים

ענטפערט דער הייליגער רבי זי"ע (דברי אמונה השלם): "**דְּהִנֵּה כַּאֲשֶׁר הָאָדָם עוֹבֵר עֲבֵרָה רַחֲמָנָא לִצְּלַן חוֹטֵא בָּזֶה בְּכִפְלַיִם, אֶחָד - עֶצֶם מַעֲשֵׂה הַחֵטְא שֶׁעָבַר עַל מִצְוַת הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא, וְהַשֵּׁנִי - מַה שֶּׁנִּתְרַחֵק עַל יְדֵי זֶה מֵהַקָּבָ"ה. דִּמְבֹאָר בַּסְּפָרִים הַקְּדוֹשִׁים דְּכָל בַּר יִשְׂרָאֵל מֵעֶצֶם שֹׁרֶשׁ נִשְׁמָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה שֶׁהוּא חֵלֶק אֱלֹקַ מִמַּעַל זוֹכֶה לְהַרְגִּישׁ הִתְקָרְבוּת לְהשי"ת וְיֵשׁ לוֹ הִשְׁתּוֹקְקוּת גָּדוֹל לַחֲזוֹת בְּנֹעַם ה'. אוּלָם כַּאֲשֶׁר חוֹטֵא גּוֹרֵם שֶׁיִּתְרַחֵק מהשי"ת וְלֹא יַרְגִּישׁ שׁוּם הִשְׁתּוֹקְקוּת וְחַיּוּת דִּקְדוּשָּׁה, וְנַעֲשָׂה מָסָךְ הַמַּבְדִּיל בֵּינוֹ לְבֵין הקב"ה, וּכְמוֹ שֶׁנֶּאֱמַר 'כִּי אִם עֲוֹנֹתֵיכֶם הָיוּ מַבְדִּלִים בֵּינֵיכֶם לְבֵין אֱלֹקֵיכֶם'.**

"**וְנִמְצָא דְּכַאֲשֶׁר אָדָם עוֹבֵר עֲבֵרָה רַחֲמָנָא לִצְּלַן, חוֹטֵא בָּזֶה בְּכִפְלַיִם, דְּחוּץ מֵעֶצֶם מַעֲשֵׂה הַחֵטְא, חוֹטֵא עוֹד בְּמַה שֶּׁנִּתְרַחֵק עַל יְדֵי זֶה מהקב"ה, וְנַעֲשָׂה מָסָךְ הַמַּבְדִּיל בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ**".

פונקט ווי אינעם משל וואס מיר האבן אנגעהויבן, איז די טשעפע פאר זיך נאכנישט געפערליך. דער פראבלעם איז נאר, אז דער טשעפע איז גורם א ריס אינעם עצם קשר צווישן די צוויי שותפים. אזוי אויך אינעם נמשל: א אידיש הארץ איז אריגינאל צוגעבינדן צום אויבערשטן, און בשעת ווען דער איד זינדיגט - ווערט זיין הארץ דערווייטערט פון אים. דער פראבלעם איז, אז ער כאפט אפילו נישט אז ער האט דא געזינדיגט א טאפלטער חטא! ער ווייסט טאקע אז ער האט עובר געווען אויפן אויבערשטנ'ס רצון, אבער ער כאפט נישט אז דורכדעם איז ער אויך דערווייטערט געווארן.

## נישט זיך אפרייסן!

ווען כאפט זיך א איד וואו ער שטייט? ווען ער דערזעט זיך מיט א טאפלטער עונש! "**דְּהָעֹנֶשׁ בָּא גַּם כֵּן בִּשְׁתֵּי בְּחִינוֹת הַנַּ"ל. הָאֶחָד - שֶׁהַקָּבָ"ה מַעֲנִישׁ בְּעוֹנְשִׁין וְיִסּוּרִים גַּשְׁמִיִּים, בְּעֹנֶשׁ הָרָאוּי לוֹ כְּפִי מַעֲשֵׂה הָעֲבֵרָה שֶׁעָשָׂה. וְהַשֵּׁנִי מַעֲנִישׁוֹ בְּעִנְיַן הַסְתָּרַת פָּנִים שֶׁעַל יְדֵי זֶה נִתְרַחֵק מֵאוֹר פְּנֵי מֶלֶךְ חַיִּים. וּמְבֹאָר בַּסְּפָרִים הַקְּדוֹשִׁים שֶׁזֶּהוּ הָעֹנֶשׁ הַיּוֹתֵר גָּדוֹל מִכָּל הָעוֹנְשִׁין.**

"**וּמְבֹאָר עוֹד בַּסְּפָרִים הַקְּדוֹשִׁים דְּכָל הָעוֹנְשִׁין וְהַצָּרוֹת הַגַּשְׁמִיִּים הֵם גַּם כֵּן תּוֹצָאָה וּפֹעַל יוֹצֵא מֵהַהַסְתָּרַת פָּנִים, וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב בְּאוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ: 'עַל שֶׁאֵין אֱלֹקַי בְּקִרְבִּי מְצָאוּנִי הָרָעוֹת הָאֵלֶּה' - שֶׁאִם הָיָה בְּקִרְבִּי לֹא הָיָה כָּל כָּךְ צָרוֹת בָּאִין עָלֵינוּ**".

פלוצלינג כאפט זיך א מענטש פון וואנעט עס זענען געקומען אויף אים די אלע צרות. אויב דער אויבערשטער וואלט זיך נישט אוועקגעדרייט פון אים, וואלט דאך אים נישט געשען קיין שום שלעכטס! אויב מיר זען צרות און פראבלעמען, איז דאס בלויז צוליב דעם וואס מיר האבן זיך דערווייטערט פונעם אויבערשטן! קומט אויס, אז דורכן טאפלטן עונש - כאפט אויף דער מענטש, אז זיין חטא איז אויך געווען טאפלט. ער כאפט פלוצלינג אויף, אז ער האט זיך דערווייטערט פונעם ווארימען געפיל צום אויבערשטן.

פונקט ווי דוד איז בכלל נישט געווען אינטערעסירט זיך צו צוטיילן פון חיים, אזוי אויך אינעם נמשל: קיין שום איד איז נישט אינטערעסירט זיך אפצוטיילן און דערווייטערן פונעם אויבערשטן! ווייל "**זֶהוּ הָעֹנֶשׁ הַיּוֹתֵר גָּדוֹל מִכָּל**"

המשך אין עמוד ב


דער גליון האט דיר דערלויכטן? יעצט איז די געלעגנהייט צו באלייכטן נאך א יוד
**אידישער הערצער ווארטן אויף אביסל ליכטיגקייט אין עבודת השי"ת, אבער מ'ווארט אויף אייער שותפות**
צו מנדב זיין א מאמר/אפטיילונג
אדער הפצה ביי אייך אין ביהמ"ד, רופט: 347.452.3118
תורם צו זיין אויטאמאטיש: 347-428-6483

# נחמו נחמו

## וויאזוי קען מען זיך טרייסטן ווילאנג מיר האבן נאכנישט זוכה געווען צו די גאולה? • אויב איז אונזער גאולה אזוי זיכער, פארוואס קומט די טרייסט נאר נאך תשעה באב? • דעם עצם קשר וואס קומט צושטאנד דורך די אבילות - דאס איז די נחמה

**אברהם יצחק:** ס'איז ערב שבת נחמו. מיר זענען שוין אריבער דעם תשעה באב, און גלייך 'שפרינגט' מען אריין אין 'נחמות'... איך פרוביר צו פארשטיין וואס ס'מיינט, וואספארא נחמה זעט מען דא? צי איז די בית המקדש אויפגעבויט געווארן? דער חורבן איז נאך אן אנגייענדער פאקט, און גארנישט לגבי די צער שכינה און צרות ישראל האט זיך געטוישט, און דא האבן מיר שוין א נחמה... וואס איז פשט דערפון?

**משפיע:** צוערשט לאמיר ערקלערן פשוט פשט. 'נחמו' איז א נבואה. דער נביא געבט איבער בשם דעם אויבערשטן איבער די גאולה פון כלל ישראל, און די טרייסט וואס כלל ישראל וועט דעמאלטס האבן. פאריגע וואך האבן מיר געליינט די הפטרה פון 'חזון' וואו דער נביא זאגט נביאות וועגן די חורבן און גלות - שטעל זיך פאר ווי דו הערסט די נבואה פארן חורבן, און ס'איז דיר קלאר אז די נבואה גייט מקוים ווערן (אין פאל וואס כלל ישראל טוט נישט תשובה), און גלייך שפירסטו א צער און וויטאג איבער די צוקונפטיגע צרות וואס גייען קומען, די זעלבע איז אויך ווען מיר הערן ווי דער אויבערשטער געבט איבער נבואות וועגן גאולת ישראל, אויך דאן איז אונז קלאר אז ס'גייט מקוים ווערן, אזויווי מ'זאגט ביי די ברכה נאכן הפטרה: "נאמן אתה הוא ה' אלקינו, ונאמנים דבריך, ודבר אחד מדבריך לא ישוב ריקם".

> די טרייסט קומט פון די עצם קשר און נאנטשאפט פון וואס מ'האט זיך אנגעשעפט מיט די צער און השתפכות הנפש וואס מ'האט אויסגעדריקט צום אויבערשטן

און דערפאר, ווי נאר מיר הערן דעם אויבערשטנ'ס נבואה איבער נחמת ישראל, כאטש מיר האבן נאכנישט זוכה געווען דערצו, טוען מיר זיך פולשטענדיג פארלאזן אויפן אויבערשטן אז ער וועט זיכער מקיים זיין זיין הבטחה, און וועגן דעם טוט שוין יעצט ארייגלייכטן א געפיל פון טרייסט אין אונזער הארץ.

א גוטע ביישפיל דערצו, איז אן ארעמאן וועלכער וואלגערט פון טיר צו טיר בעטנדיג א הארט שטיקל ברויט, קוים וואס ער האט זיך צו האלטן ביים לעבן, און איין שיינעם טאג ערהאלט ער א בשורה אז אין די לאטערי האט ער געוואונען א ריזיגע סומע געלט וואס גייט אים טוישן זיין לעבן. זאפארט ביים הערן די בשורה ווערט זיין הארץ פול מיט פרייד, ווי פון זיך אליינס הייבט ער אן צו טאנצן אין די לופטן... כאטש ער טראגט נאך צוריסענע קליידער און שלאפט אויף דער ערד, שפירט ער בכלל נישט זיין דחקות און לייד, ווייל ער ווייסט הונדערט פראצענט אז אין די דערנעבנדע שטאט ווארט אים אפ א מעכטיגע סומע געלט, כאטש ס'וועט נאך דויערן עטליכע טעג ביז ער וועט זען דאס געלט אין זיינע הענט.

### שפירן דעם נחמה

**אברהם יצחק:** הייסט אז די עצם זאך וואס מיר זעען ווי די נביאים געבן איבער אז השי"ת גייט אונז נאך אויסלייזן, דאס אליינס טוט אונז טרייסטן און מחזק זיין. אבער די נבואה איז דאך לאו דווקא געזאגט געווארן אויף גלייך נאך תשעה באב, ווען איך וואלט געעפנט א ספר ישעיה ערב תשעה באב און געלערנט די נבואה, וואלט איך אויך דאן געגלייבט אז די נבואה גייט מקויים ווערן...

**משפיע:** כ'וועל איבערזאגן דיין פראגע אביסל קלארער. אויב טוען מיר דעם שבת לייענען די קריאה פון פרשת נחמו, וואס צוליב דעם ווערט עס אנגערופן 'שבת נחמו', דעמאלטס מוז זיין אז דווקא אין די טעג ליגט א ספעציעלע כח צו משיג זיין און שפירן די נבואה פון נחמה. און אויף דעם פרעגסטו, פארוואס דווקא אין די טעג זענען מיר ביכולת צו משיג זיין די נבואה מער ווי סיי וועלכע אנדערע צייט?

**אברהם יצחק:** יא, דאס פרעג איך. כ'וועל צולייגן נאך איין נקודה: אויב אזוי, וואלטן מיר זיך געקענט פארשפארן דעם גאנצן וויינען פון די ימי בין המצרים, ווייל מיר זענען דאך אזוי זיכער אין די גאולה אויף אזוי ווייט אז מיר טרייסטן זיך שוין דערמיט? און בכלל, אויך יעצט, טראץ די נחמה, טוען מיר ווייטער קלאגן אויפן חורבן און מיר זענען זיך מצער אויפן גלות אין פארשידענע צייטן...

**משפיע:** די נחמה און גאולה גייען זיכער געשען, אבער כדי מיר זאלן זוכה זיין עס צו שפירן, מוזן מיר זיך צוערשט אפגעבן מיטן עבודה פון וויינען און זיך מתאבל זיין, ווייל נאר דורכדעם זענען מיר זוכה צו שפירן די נחמה גלייך נאך תשעה באב.

**אברהם יצחק:** פארוואס דארף מען 'שפירן' די נחמה? וואס איז שלעכט מיט די עצם גלייבן דערין, לכאורה דארף דאס זיין גענוג זיך צו קענען טרייסטן... און בכלל, ממה נפשך, אויב טרייסט איך זיך איז דאך גוט, און אויב געלונגט מיר נישט זיך צו טרייסטן, דעמאלטס איז עס מיין פראבלעם, פארוואס דארף מען 'ארבעטן' צו שפירן די נחמה? וואס צילט מען מיטן זיך אפגעבן מיטן 'עבודה' פון זיך טרייסטן?

**משפיע:** ס'איז וואונדערליך צו זען ווי דו ביסט מחדד די סוגיא מיט דיינע קלארע שאלות. וואס פירן אונז ריכטיג ארויסצוהאבן די באדייט פון 'נחמה'.

געווענליך ווען א מענטש פארלירט אדער האט צער פון עפעס, וועט זיין איינציגסטע טרייסט זיין נאר נאכדעם וואס ער שפירט אז ער גייט צוריק באקומען זיין פארלוירענע זאך, און אפילו ער זעט נאכנישט ווי ער באקומט עס צוריק, אויב איז ער זיכער אז ער גייט עס צוריקזען, האט ער שוין א נחמה. און דערפאר, כדי זיך צו טרייסטן אויפן חורבן ירושלים, דארפן מיר ערווארבן אן אינערליכער קשר מיטן בנין בית המקדש און די גאולה העתידה, און אט דעם קשר קומט נישט צופוס, ווייל נאר איינער וואס איז זיך מתאבל אויף ירושלים און ערגערט זיך אויפן אריכות הגלות, שפירנדיג אין הארץ א ווייטאג איבער די געוואלדיגע חסרון וואס פעלט אין זיין נפש צוליב דעם וואס דער בית המקדש איז נישטא, נאר דאן ווערט דער נפש פארבינדן מיטן גאולה העתידה, און ער ווערט געטרייסט.

### טרייסט וואס ליגט אינעם קשר

**אברהם יצחק:** אנהייב דיינער ווערטער האסטו מקדים געווען, אז צוערשט גייסטו זאגן די פשוט פשט פון



המשך פון עמוד א

הָעוֹנְשִׁין". יעדער איד וויל זיין דבוק אינעם אויבערשטן און ער איז נישט מסכים בשום אופן צו זיין דערווייטערט פון אים. בשעת'ן זינדיגן האט ער זיך איינגערעדט, אז עס איז בלויז א קליינע עבירה'לע וועלכע וועט נאכנישט פירן דערצו, אז זיין גאנצע ווארימקייט אין אידישקייט זאל זיך אויסלעשן. ער האט זיך נישט גערישט, אז ער וועט זיך טרעפן מיט א ריס אינעם קשר צום אויבערשטן. אבער יעצט ווען ער שפירט אז - אין צוגאב צו די פילע פראבלעמען וועלכע זענען אים לעצטנס באפאלן - איז נאך צוגעקומען דער ביטערע געפיל, אז דער אויבערשטער שמייכלט נישט צו אים, הייבט ער זיך אן כאפן אז אויך ער, האט - אין צוגאב צום חטא - ערגעצוואו פארלוירן דעם שמייכל אין עבודת ה'.

אט דאס וועט ברענגען א טאפלטע נחמה, וואס דאס מיינט, עס וועט צוריק באנייען דעם קשר פונעם אויבערשטן צו אונז, וואס דאס וועט אויפוועקן אונזער ווארימקייט צו דינען דעם אויבערשטן. "וְכֵן נֶחָמַת יִשְׂרָאֵל בְּבִיאַת הַגּוֹאֵל צֶדֶק יִהְיֶה נֶחָמָה בְּכִפְלַיִם, עַל דֶּרֶךְ שְׁתֵּי בְּחִינוֹת הַנַּ"ל, אַחַת - שֶׁיִּהְיֶה נֶחָמָה מִצָּרוֹת הַגַּשְׁמִיּוֹת, וְהַשְּׁנִיָּה וְהִיא הָעִקָּר שֶׁיִּתְנַחֲמוּ נֶחָמָה מִצָּרוֹת הָרוּחָנִיּוֹת. שֶׁנִּזְכֶּה לְגִלּוּי כְּבוֹד ה', וְכָל כְּלַל יִשְׂרָאֵל יִתְקָרְבוּ אֶל השי"ת וְיַעַבְדוּ אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ בְּלֵבָב שָׁלֵם, אֲשֶׁר זֶהוּ חֶמְדַּת וּתְשׁוּקַת כָּל כְּלַל יִשְׂרָאֵל".

'נחמה'. איך פארשטיי דערפון אז אויסער דעם ליגט דא מער א טיפערע פשט. כ'וויל עס הערן...

**משפיע:** טאקע אזוי, ווייל ביז יעצט האבן מיר גערעדט אז 'נחמה' מיינט די כח פון א קלארקייט און זיכערקייט אין די גאולה העתידה, אן אמונה וואס שיינט אויף דאס הארץ מיטן אור הגאולה דווקא נאכן קלאגן דערויף. אבער די טיפערע פשט איז, אז דעם עצם קשר וואס ווערט דורכ'ן אבילות, דאס אליינס טרייסט אונז און שיינט אונז אויף אין גלות. דאס איז די פנימיות'דיגע פשט פון "זוכה ורואה" מיט א לשון הווה, ער זעט, ווייל די אבילות אליינס פארבינדט אונז מיט א אזא טיפע קשר, ביז ס'ווערט דערפון א נחמה.

כ'וועל געבן א ביישפיל: אמאל האט איינער געהאט גרויס צער פון א געוויסע זאך, ער נעמט א תהילים'ל אין האנט און הייבט אן זאגן איין קאפיטל נאכן צווייטן, ענדליך טרעפט ער זיך ביי א פסוק וואס דריקט אויס זיין טיפסטע געפילן, און דערביי טוט ער פון טיפעניש פון הארץ אויסגיסן זיינע אלע ווייטאגליכע הרגשים, ער זאגט איבער די פסוק איינמאל און נאכאמאל, ביז ער שפירט א קלארע געפיל פון קירבת ה'. די זיסע תענוג פון רואיגקייט און מנוחה אז זיין ישועה גייט קומען נאר פונעם אויבערשטנ'ס האנט אליינס, השי"ת גייט אים זיכער העלפן, ער שפירט אז ער איז כל כולו געוואנדן אין די אויבערשטער'ס הענט... כאטש ער ווייסט נאכנישט צי און ווען זיין ישועה גייט זיך ארויסווייזן, פונדעסטוועגן שיינט אים אין הארץ א רואיגקייט און א טרייסט, ווייל זיין זארג איז ארויס פון אים.

**אברהם יצחק:** איינמאל האב איך שוין אליינס געשפירט דעם געפיל, אבער נישט דווקא נאכן זאגן תהילים, נאר אסאך מאל אויך נאכן דאווענען, אה... ס'איז געווען אזא געשמאקע געפיל... דעם גאנצן טאג דערנאך איז געווען גאר עפעס אנדערש...

**משפיע:** הונדערט פראצענט. קומט אויס די טרייסט קומט נישט דווקא פון דעם וואס מ'שפירט אז מ'האט גע'פועל'ט און מ'גייט באקומען דאס וואס מ'האט געבעטן, נאר די טרייסט קומט פון די עצם קשר און נאנטשאפט וואס מ'האט זיך געשאפן דורך די צער און השתפכות הנפש וואס מ'האט אויסגעדריקט צום אויבערשטן. דורכאויס די גאנצע עבודה פון תשעה באב גייט כלל ישראל אריבער ממש דעם זעלבן מצב, די צער און פארדרוס אויף כבוד שמים וואס ווערט פארשוועכט טוט אונז אזוי שטארק דערנענטערן צום טאטן אין הימל, אז די קירבה זעלבסט ברענגט אריין אין אונז א נחמה.

## דעם קשר אין גלות

**אברהם יצחק:** הייסט אז אונזער טרייסט איז נישט געוואנדן אין די נבואות פון די גאולה העתידה, נאר אין די אבילות און ווייטאג אליינס געפינען מיר א נחמה אויף א פנימיות'דיגער אופן. אבער איך פארשטיי נישט, וויאזוי קען זיין אזא זאך? 'גלות' זאל גאר האבן א מעלה און מער א באדייטנדע קשר מיטן אויבערשטן?

**משפיע:** דער געדאנק ווערט ערקלערט אין ספה"ק עבודת ישראל (מאמרי ר"ה), וואו דער הייליגער קאזשניצער מגיד זי"ע איז מבאר אז דער קשר וואס כלל ישראל האט אין גלות, טראצדעם וואס דער אויבערשטער טוט זיך כביכול באהאלטן פון אונז, פונדעסטוועגן איז עס א פנימיות'דיגער קשר און דערגרייכט אסאך טיפער ווי ווען דער אויבערשטער וואלט אונז געלויכטן פאר די אויגן. דא האסטו זיין לשון:

**כִּי בִּזְמַן דּוֹר הַמִּדְבָּר אֲשֶׁר רָאוּ יְמִין ה' רוֹמֵמָה עוֹשָׂה חָיִל וּגְדֻלוֹתָיו וּגְבוּרוֹתָיו, בְּוַדַּאי אֵין תֵּמַהּ אֲשֶׁר עֲבָדוּהוּ בֶּאֱמֶת וּבְלֵב שָׁלֵם, מֵאַחַר שֶׁהָיָה יוֹרֵד עֲלֵיהֶם אֵשׁ מִן הַשָּׁמַיִם יִרְאַת ה' וְאַהֲבָתוֹ עַל יְדֵי רְאוֹתָם נִפְלְאוֹתָיו בַּעֲלִיל, לָכֵן הֲגַם שֶׁהָיְתָה עֲבוֹדָתָם בִּשְׁלֵמוּת וּבְיֶתֶר שְׂאֵת, לֹא הָיְתָה חֲשׁוּבָה כָּל כָּךְ, כִּי הַחוּשׁ נוֹתֵן לְמִי שֶׁרוֹאֶה גְּדֻלַּת הַשֵּׁם וּמַלְכוּתוֹ כְּמוֹתָם שֶׁיְּקַבֵּל עָלָיו עֹל הָעֲבוֹדָה מִפְּנֵי אֲדוֹן הָאֲדוֹנִים...**

**אֲבָל אַחַר כָּךְ בְּדוֹרוֹת אַחֲרוֹנִים, וְכָל מָה שֶׁכְּבוֹד ה' הַסְתֵּר דָּבָר יוֹתֵר וְאֵין נִרְאֶה אֹמֶץ יָדוֹ וְנִפְלְאוֹתָיו, וְאַף עַל פִּי כֵן מִתְחַזֶּקֶת כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל וּמִתְדַּבֶּקֶת בְּיוֹצְרָהּ וּמְקַבֶּלֶת עֹל מַלְכוּתוֹ, וְלֹא תִּפְנֶה אֶל רְהָבִים וְשָׂטֵי כָזָב, בִּפְרָט בְּחֻרְבָּן וּמָצוֹר וּמָצוֹק יוּכַל לִהְיוֹת כִּי עֲבוֹדָתָם נִקְרָא בְּשֵׁם יִחוּד פָּנִים בְּפָנִים.**

**אברהם יצחק:** הייסט אז מיט די אבילות טוען מיר ארויסברענגען די התקשרות וואס מיר האבן מיטן אויבערשטן אין יעדן מצב, וועמען מיר פארלאזן נישט אויף קיין שום פאל, און קיינמאל זענען מיר זיך נישט מייאש פון זיינע רחמים און חסדים...

**משפיע:** דאס אליינס איז אונזער טרייסט!

## פונקען / קורצע יסודות פון תלמידי הבעש"ט זי"ע

**צדיקים פלעגן מכניע זיין אלע אהבות אויף דער וועלט ס'זאל זיין בלויז ליבשאפט צום אויבערשטן, אויסער די אהבה פון א טאטע צו א קינד, כדי צו שפירן "ווי א איד איז טייער פאר גאט ברוך הוא"**

**הרה"ק ר' מרדכי מלעכעוויטש זי"ע (תורת אבות)**



# א ישועה פון ברעקלאך

דער בעל עגלה שמייסט אריין די פערד אן קיין רחמנות. נישט אזוי ווייל זיי פארן נישט ווי ס'דארף צו זיין, נאר ערשטנס ווייל די ברויזנדע ווינטן שמייסן אים אין פנים אריין, טיף אריינבייסנדיג דורך זיין דיקע פעלץ, אבער נאך מער: ווען זיינע הייליגע פאסאזשירן, די צוויי צדיקי הדור דארפן אמשנעלסטנס אנקומען למחוז חפצם, מוז דאס אויסגעפירט ווערן די גיכסטע וואס איז מעגליך.

ווארשיינליך איז זכות אבות די סיבה פארוואס דער בעל עגלה איז זוכה צו פירן אין זיין וואגן די קדושי עליון, הרה"ק רבי שלמה פון קארלין הי"ד זי"ע און זיין תלמיד הרה"ק רבי מרדכי פון לעכאוויטש זי"ע, ווייל קיין סאך זכות עצמו באזיצט ער נישט.

אויב וואלטן מיר אים צוגעשטעלט צו זיינע שכנים, וואלט בעסער געווען צו מאכן דעם צוזאמשטעל מיט זיין שכן פארנט פון אים, דעם פערד... אן איש מגושם מיט אלע פירושים, פארגרעבט איבער די מאס. צווישן אים מיט די צדיקים, שטייט ענדלאזע ליכט-יארן.

די רעגן און ווינט שטילן זיך איין. ווען א פרעכטיגע לבנה פון האלבן חודש באווייזט זיך אויפן ריינגעוואשענעם הימל.

"שטעל זיך אפ", הערט ער דאס געהויבענע שטימע פון זיינע הימלישע רייזנדע, " לאמיר זאגן קידוש לבנה ווילאנג ס'רעגנט נישט".

דער בעל עגלה ציהט זיך אויפן זייט פון די מאראסטיגע גאס, און טאנצט אראפ פון זיין ארט הויעך אויפן וואגן.

ווילאנג די צדיקים טרעטן שטאטליך אראפ פון וואגן און בינדן זיך זייער גארטל, זיך אנגרייטנדיג בהכנה דרבה, הערט רבי שלמה דעם רוף "שלום עליכם".

רבי שלמה הייבט אויף זיין קאפ, אויפכאפנדיג ווי דער בעל עגלה ווארט פאר זיין ענטפער.

"עליכם שלום", ענטפערט אים רבי שלמה.

"שלום עליכם", קערט זיך דער בעל עגלה אויס צו רבי מרדכי.

"עליכם שלום".

"שלום עליכם", מורמלט דער בעל עגלה צו זיך צום דריטל מאל און ענטפערט "עליכם שלום", פארזעצנדיג צו ענדיגן קידוש לבנה אין אן אויגבליק...

א קליין שמייכל פון זלזול באווייזט זיך אויף רבי מרדכי'ס געזיכט. "אזוי אפצוכיפערן א קידוש לבנה...", טראכט ער צו זיך.

רבי שלמה זעט די שמייכל און פארשטייט די כוונה.

דער צדיק רבי מרדכי מערקט ווי זיין רבי קוקט אים אן מיט א שטרענגע בליק פון הקפדה.

"הייליגער רבי", ציטערט רבי מרדכי אויף מיט יראת הכבוד, "לערן מיר אויס, וואס קען אזא צעקלאפטע קידוש לבנה אויפטון אין הימל?".

פאר א מינוט זינקט דער רבי אין הייליגע געדאנקען, דערנאך ווענדט ער זיך צום תלמיד און רופט אן:

"לאמיר דיר דערציילט א משל".

אמאל האט א קעניג באפוילן אויפצונעמען אפאר איינגעשטעלטע, ספעציעל צוזאמצוקלויבן אלע אראפגעפאלענע ברעקלאך און פארבליבענע עסן וואס די סאלדאטן לאזן איבער.

קיינער פון זיי האט נישט פארשטאנען פארוואס דאס פעלט אויס. אבער אז דער קעניג הייסט, פאלגט מען.

פאר לאנגע יארן, נאך יעדער מאלצייט, דרייען זיך ארום עטליכע סאלדאטן מיט גרויסע זעק און שארן אריין אלע שיריים און ברעקלאך.

וואו אימער דאס מיליטער רייזט, פארן די זעק מיט. ס'איז טאקע א שלעפ, נאך פאר קיין שום ציל, וואס קען מען שוין טון מיט די נוצלאזע עסנווארג. אבער אזוי האט דער קעניג געהייסן.

איינמאל האט דאס מיליטער זיך געטראפן אין א אומגעהויערע סכנה. פאר א פיינטליכע ארמיי איז געלונגען ארומצורינגלען דעם מיליטער, אפהאקנדיג יעדע מעגליכקייט פאר עסן פון אריינדרינגען אין לאגער.

דער מצב ווערט ממש א לעבנ'ס געפאר. די סאלדאטן האלטן שיער נישט ביים אויסגיין. ביז איינער דערמאנט זיך: "די זעק שיריים!".

א ישועה. טאקע נישט קיין לכתחילה'דיגע עסן, אבער א רעטונג אין צייט פון נויט, און מיט דעם כח האבן זיי געוואונען די מלחמה.

"פארשטייסט מיין תלמיד", ענדיגט רבי שלמה, "חלילה גרינג צו האלטן די שוואכע תפילה פון שוואכע אידן, וועלכע ענדלען צו ווערדלאזע פארבלייבענישן. ווייל דווקא די תפילות, וועלכע די מקטריגים זעען נישט פאר וויכטיג אפצוהאלטן פון ארויפגיין, זיי קומען ארויף אויבן און ברענגען אונז די ישועה!".

מקור: הרה"ק ר' דוד שלמה מקאברין זי"ע, הובא ב'שמע שלמה'

# ארויסגיין פון 'עצבות'

## איך בין נישט צופרידן מיט מיין לעבן, די 'עצבות' שטערט מיר שטייגן און טוהן צו די זאך, ווי ווערט מען פטור דערפון?

## שאלה:

איך שפיר זיך אראפגעקלאפט און מוטלאז, איך בין נישט צופרידן מיט מיין לעבן, מיין לעבן איז מיר גארנישט ווערד. איך ווייס אז די סארט געפילן העלפן מיר נישט, ס'שטערט מיר פון שטייגן און טוהן צו די זאך, אבער איך קען זיך נישט באפרייען דערפון. כ'ווייס אז צדיקים האבן דאס זייער מגנה געווען, אבער, ווי אזוי דערהייבט מען זיך, ווי ווערט מען פטור פון 'עצבות'?

## תשובה:

### א.

דער אמת איז אז די סארט געפילן זענען אין די וועלט גאנץ נאטורליך. **פארוואס?** ווייל זייט חטא אדם הראשון, האט די בריאה אריינגעכאפט 'קללות' וועלכע האבן איבערגעדרייט איר טבע צו ווערן געפירט און געבויעט אויף עצבות, בעצבון תאכלנה, דעריבער זענען מערסטנס מענטשן נישט צופרידן מיט זייער מעמד ומצב, מיט זייערע כוחות און געלט, און פון דעם שטאמען אלע געפילן פון קנאה תאוה כבוד, וואס זענען - ווי מיר זעהן - די טרייבקראפט פון די גשמיות'דיגע וועלט. אנדערש ווי פארן חטא, אויף ווען ס'שטייט אז בשעת די בריאה איז געווען א 'יום שמחה' לפניו.

**חטא** ברענגט **עצבות**, ווייל, עצבות - שטאמט פון חסרון. דאגעגן: **שמחה** - שטאמט פון **שלימות.** יעדע סארט שלימות אין וואס א מענטש איז זיך משלים, שאפט שמחה. אויב ער שפירט אז ס'פעלט אים עפעס, ס'קומט אים בעסערס, מער, ווערט ער טרויעריג - בעצבות.

יעצט מאך א פשוט'ער חשבון: די בריאה ווי אזוי זי איז, אין א מצב אז דער בעל הבית האט זיך באהאלטן, ס'הערשט אומארדענונג, מ'קען מאכן חטאים און זי פאלט נישט צוזאם... איז זי א שטיק - חסרון.

דער איינציגסטער וואס איז שלם בתכלית השלימות, איז השי"ת. יעדער נברא איז דאך א מוגבל, א בעל חסרון, ווייט פון שלימות. אויב אזוי קען 'שמחה' זיין בנמצא, נאר ביי השי"ת אליין, עוז וחדוה במקומו, יעדע אנדערע זאך אויף די וועלט קען זיין און ברענגען 'עצבות'.

און אפילו ווען ס'זאל ווען איינעם געלונגען, ער האט שוין די עטליכע מיליאן וואס ער האט זיך געשטעלט אלס ציהל, איז ער נאך אויך ווייט פון שלימות. האט ער דען די כבוד, נחת, רואיגקייט און צופרידנהייט וואס ער שרייבט זיך פאר? און אפילו אין געלט, האבן זיך זיינע דמיונות שוין לאנג געהויבן, וואס ער האט, איז דאך שוין זיינס, ס'איז שוין ביי אים נישט קיין ציהל, יש לו מנה רוצה מאתיים, דער צווייטער האט דאך מער, און ער איז ווייטער א בעל חסרון, און איז שוין ווייטער בארעכטיגט אויף עצבות.

דאס הייסט אזוי: אויב דו קוקסט אויף דיר מצד דיין גוף, דיין נפש הבהמית, איז טאקע נישט דא קיין שאנסן ארויסצוקריכן פון עצבות. אלעמאל וועט זיין עפעס וואס וועט נישט זיין דאס בעסטע. - ווייל במציאות ביסטו ווי יעדער, א בעל חסרון, און לויט דעם איז בארעכטיגט צו זיך וויקן אין יגון ואנחה. קענסט שוין יעצט הייבן הענט.

א גשמית'דיגע דערגרייכונג בארואיגט טאקע פאר א קורצע צייט, אבער גיבט נישט קיין סיפוק. גלייך טאנצט אים אין די אויגן די קומענדיגע חסרון.

### ב.

וואס קען יא געבן פאר א מענטש אמת'ע אינערליכע צופרידנהייט? זיין קשר מיטן אויבערשטן. ווייל ווי געזאגט, דער אויבערשטער איז דאך שלם בכל מיני שלימות, עס פעלט אים גארנישט. וואס מער און וואס בעסער א איד ווערט נכלל און דבוק אין השי"ת, ווערט ער נכלל אין השי"ת'ס שלימות, און ער שפירט נישט קיין שום חסרון, ווייל עס פעלט אים באמת גארנישט. ווי דער פסוק זאגט "ודורשי ה' לא יחסרו כל טוב". ער לעבט זיך אליין מיט השי"ת, מיט א דביקות, און איז פול מיט שמחת חיים.

חז"ל זענען מגדיר דערמיט די חילוק צווישן יעקב און עשיו, צווישן די קדושה און היפך הקדושה, עשיו זאגט "יש לי רב", איך האב אסאך, מיליארדן, אבער לויטן כלל פון יש לו מנה רוצה מאתיים, וויפיל איך האב, דארף איך טאפלט. אבער יעקב זאגט "יש לי כל", איך האב דעם אויבערשטן! און אז איך האב דאס, האב איך אלעס. כלום חסר מבית המלך?

> ער קרעכצט אויף זיין ביסל אויסגעגאסענע מילעך, וואס האט דורכגעווייקט זיין לעצטע שטיקל ברויט, אוי אזא שאד... און ער ווייסט פשוט נישט וואספארא עושר ער איז

אט די קשר מיט השי"ת איז בכלל נישט ווייט, און מ'דארף זיך גארנישט אנשטרענגען עס צו ערגרייכן, ס'עקזיסטירט דא ביי דיר, און שוין יעצט! דארפסט אפילו גארנישט טוהן עס צו דערגרייכן, עפן נאר דיינע אויגן, וועסטו זעהן אז דו האסט עס. דו ביסט דאך במציאות א חלק אלוק ממעל, א געטליכע נשמה וואס איז חבוקה ודבוקה בו יתברך! די אמונה איז איינגעקריצט אין דיר, הן מצד דיין חינוך און הן מצד אבות אבותיך. ס'איז דא אין דיר אן אהבה מסותרת צו השי"ת. דו ביסט א חלק פון אים, און וואס דארפסטו מער?!

הייב אן צו לעבן מיטן געדאנק אז דו ביסט צוגעבינדן צו השי"ת, וואס ער איז שלם בכל מיני שלימות, און עס וועט דיר גארנישט פעלן. האסט אלעס, בכל מכל כל. ווי יעקב אבינו "יש לי כל!".

דארפסט דאס נישט מער ווי דערציילן און אריינעמען אין דיר. נישט אנדערש ווי יענער וואס האט געווינען די לאטערי טיקעט פון הונדערטער מיליאנען, אבער האט פשוט נישט געוואוסט דערפון. אדער נישט געקענט גלייבן. ער זיצט אינדערהיים און קרעכצט אויף זיין ביסל אויסגעגאסענע מילעך, וואס האט דורכגעווייקט זיין לעצטע שטיקל ברויט, אוי אזא שאד... און ער ווייסט פשוט נישט וואספארא עושר ער איז. **א אידישע נשמה האסטו שוין, דארפסט נאר איינווארצלען אין דיר,** וויפיל דו ביסט איינס מיטן אויבערשטן, און ס'וועט דיר שוין גארנישט פעלן. מיט דיין עצם מציאות ביסטו שוין בארעכטיגט צו זיין פרייליך.

הגם, מיר האבן זיך צוגעוואוינט אז אונזער ווערד ביים אויבערשטן איז, לויט וויפיל מיר האבן מצליח געווען צו ערגרייכן אין תורה ומצוות. און ס'איז אונז שווער אנצונעמען אז מיר זענען מקושר צו השי"ת אן גארנישט טוהן דערצו. אבער אדרבה, כדי צו האבן שייכות מיטן גרויסן בורא, דער שלם בכל מיני שלימות איז אוממעגליך פאר א נברא עפעס צו טוהן. נאר דער אויבערשטער טוט עס! ער האט כביכול מפיח געווען אין מיין גוף א נשמת חיים, א חלק פון אים אליין כביכול, ער האט בוחר געווען אין מיין גוף אז איך זאל די זכיה האבן אים צו דינען מיט אלע כוחות. "אשרינו מה טוב חלקינו" (מיין חלק אלוק ממעל), "ומה נעים גורלינו ומה יפה ירושתנו" מיר זענען פרייליך און גליקלאך מיט דעם, אן גארנישט טוהן דערצו.

### ג.

**יעצט פרעגט זיך די גרויסע שאלה:** איך האב דאך אבער ליידער געמאכט חטאים רחמנא ליצלן, אויסער וואס ס'פעלט מיר א געוואלד אין עבודת השי"ת, ס'איז דאך זיכער אז די עוונות זענען מבדיל צווישן מיר און אויבערשטן. בין איך דאך ווייטער אין א פלאץ פון חסרון, ווי קען איך זיין פרייליך דורך זיך איינ'חזר'ן אז איך בין דבוק אין שלימות, ווען איך בין ווייט דערפון?

**די תשובה אויף דעם איז:** אמת אז עבירות זענען מסתיר און מרחק, זיי לאזן נישט צו מגלה צו זיין דעם קשר, זיי מאכן פארגעסן אז מיר זענען אין א שטענדיגע קשר מיטן אויבערשטן, אבער זיי קענען בשום אופן נישט איבעררייסן דעם קשר, די קשר איז אן אמת'ע, אן אייביגע. וועלכע קען נישט ווערן אפגעטיילט אין קיין שום מצב. דאס איז אונזער מציאות - חבוקה ודבוקה בך.

אויב אזוי, דארף מען נישט מער ווי צוריק אויפלעבן דעם קשר. די עבירות מאכן שווער? יא, ס'איז א נסיון! אבער זיי קענען נישט באמת עפעס אפהאקן. זיי זיך מתגבר אויף די שווערע מחשבות, און דערמאן זיך נאכאמאל און נאכאמאל אז דו האסט א קשר אהבה נצחי מיט השי"ת, אויך יעצט, און אויך נאכדעם וואס ער ווייסט פונקטליך דיין עבר און דיין הווה. ווייל למעשה דער קשר איז דא, און דו קענסט זיך יעדע רגע פרייען דערמיט, און זיך באפרייען פון אלע חסרונות שבעולם.

### ד.

**און למעשה:** קודם כל **'סור מרע'** - א איד טאר נישט זיין פארנומען מיט קיין שום נפשיות'דיגע פלאנטער. מ'טאר זיך נישט וויסנדיג מאכן פון קיין שום הרגשה פון חוסר סיפוק און שברון לב וואס קומט פון די נפש הבהמית. ווייל ווי געזאגט, דאס קומט פון דעם יצר הרע וועלכער וויל נאר מאכן שפירן א הרגשה פון פירוד און ריחוק פון אויבערשטן.

אנשטאט דעם, פיל אן דיין מוח מיט **'עשה טוב'**, און ווען עס קומט דיר ארויף א הרגשה פון עצבות, איך בין א דורכפאל, הויב אן צו טראכטן מיט א נשמה'דיגע השקפה: איך בין א חלק אלוק ממעל, איך בין דבוק אין אויבערשטן, איך בין דער בן מלך, און דעריבער פעלט מיר שוין גארנישט, נישט קיין כשרונות, נישט קיין געלט, נישט קיין רוחניות'דיגע אדער גשמיות'דיגע הצלחות. שמח בחלקו.

און דא איז די פלאץ צוצולייגן, וואס ס'שטייט פון אסאך צדיקים, אז אויך מחשבות פון הרהורי תשובה קענען קומען פון די סט"א ח"ו, כדי צו דערווייטערן א מענטש פון השי"ת. און וואס איז די סימן? אויב דאס ברענגט שמחה, תקוה און אמונה אין השי"ת, קומט עס זיכער פון די קדושה, אבער אויב עס ברענגט עצבות און יאוש - איז עס פון די קליפה. פון אזעלכע 'הרהורי תשובה' שטייט מען ווייט, מ'פילט זיך אן דעם מח מיט פרייליכע מחשבות.

**שמחו בה' וגילו צדיקים והרנינו כל ישרי לב.**


יהודים צמאים לדבר ה'! דער אינהאלטס רייכער גליון האט געמאכט א מהפכה ביי טויזנטער אידישע נפשות. נאך אסאך אידן ווילן זוכה זיין צום אור! נעמט א חלק און די געוואלדיגע זיכוי הרבים רופט: 347-428-6483 אדער צום אימעיל DD0722531385@gmail.com